בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְכוֹת

גליון
נ"ו

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת תזריע
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ, שְׁנַת תשפ"ג

## • שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פָארְגֶעלֵיינְט שְׁאֵלוֹת וָואס מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס הָאבְּן אַרַיין גֶעשִׁיקְט.

אִין קוּרְצְן: שְׁאֵלָה א' אִיז גֶעוֶוען: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער נִישְׁט צוּ וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען עֶס גֶעשֶׁעט אַנְדֶערְשׁ וִוי מֶען ווִיל? שְׁאֵלָה ב' אִיז גֶעוֶוען: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן?

**הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען:** דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּנֶעם 'בֵּית פֵּיגָא' אִיז אֵיין זַאךְ, אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵּא זַיין, עֶס אִיז נִישְׁטָא 'אֵיין גֶעלוּנְגֶענֶע מֵיידְל' וָואס אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן אִיר נָאכְמַאכְן.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע חִינוּךְ צוּ ווַייזְן אוֹיף 'אֵיין קִינְד' אַז אַלֶע זָאלְן אִים דַארְפְן נָאכְמַאכְן, אַוַודַאי קֶען מֶען אוֹיסְלוֹיבְּן יֶעדְן קִינְד, **"וַואוּ, דֶער קִינְד אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע,** אוּן **"דֶער קִינְד אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיטְ'ן זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען",** אוּן **"דֶער קִינְד בַּאדַאנְקְט זִיךְ אַלְץ, עֶר זָאגְט אַלְץ "שְׁכֹּחַ",** אָבֶּער נָאר אָנְצֵייגְן אוֹיף דִי רַייכֶע קִינְד אַז זִי אִיז גָאר סְפֶּעצִיעֶל, אוּן אַלֶע דַארְפְן זַיין אַזוֹי וִוי אִיר, דָאס אִיז אַ הִירוּס אִין חִינוּךְ!

אוֹיבּ גֶעשֶׁעט אִין אַ כִּתָּה אַז אַלֶע קִינְדֶער ווִילְן גֵיין אָנְגֶעטוּן וִוי אֵיינֶעם, אוּן אַלֶע קִינְדֶער ווִילְן טְרַאכְטְן וִוי אֵיינֶעם, דַארְף מֶען דָאס אוֹיסְרַייסְן, אוּן מֶען דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', מֶען דַארְף זֵיי לִיכְטִיג מַאכְן, מֶען דַארְף זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא! אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט יֶעדְן לִיבּ! אוּן מֶען מוּז זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְּן!

אוֹיבּ מֶען זֶעט חַס וְחָלִילָה אַז קִינְדֶער טוּעֶן אֵיינֶעם וֵויי, מוּז מֶען זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן דָאס אָפְּצוּשְׁטֶעלְן.

מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל קַיין מְנַהֵל, מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אַ גוּטֶער 'בִּמְקוֹם מְנַהֵל'; וָואס הֵייסְט אַז אֵיינֶער אִיז גוּט צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער? - אַז עֶר גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן.

דֶער בִּמְקוֹם מְנַהֵל דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אַז עֶר אִיז גֶעווָאוֹיר גֶעוָוארְן אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַ שְׁטִיק אוֹיפְן בָּאס, וֶוען אַ גֶעווִיסֶע מִשְׁפָּחָה קוּמְט אַרוֹיף אוֹיפְן בָּאס, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ שְׁרֵייעֶן: **"עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ צוּ זִיצְן!"** קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען יֶענֶע מִשְׁפָּחָה אִין זֵייעֶר זִיץ, אוּן וֶוען דִי בָּאס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בַּיי דִי קוּמֶענְדִיגֶע הוֹיז מַאכְט מֶען יָא פְּלַאץ. עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם עֶלְטְסְטְן קִינְד פוּן דִי מִשְׁפָּחָה: **"עֶס אִיז אֶמֶת אַז וֶוען דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף אוֹיפְן בָּאס טְשֶׁעפֶּען דִיךְ אַלֶע קִינְדֶער פוּן דִי בָּאס?"** עֶנְטְפֶערְט עֶר: **"יָא, אָבֶּער וֶועם גֵייט עֶס אָן? זָאלְן זֵיי שְׁרֵייעֶן 'עֶס אִיז יָא דָא פְּלַאץ' אָדֶער 'עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ', עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט אָן!"** זָאגְט אִים דֶער בִּמְקוֹם מְנַהֵל: **"עֶס קֶען זַיין אַז דוּ וֶוערְסְט נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן דֶעם, אָבֶּער דוּ מוּזְט דָאס קוּמֶען דֶערְצֵיילְן, ווַייל אִיךְ מוּז מְחַנֵּךְ זַיין מַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי אוֹיפְפִירְן!"**

דָאס הֵייסְט אַ גוּטֶער מְלַמֵּד אוּן אַ גוּטֶע לֶערֶערִין, אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט גוּט, עֶר ווֵייסְט מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען אָדֶער וֵויי טוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ עֶס גֵייט יֶענֶעם נִישְׁט אָן; עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן צִי עֶס גֵייט דִיךְ אָן אָדֶער עֶס גֵייט דִיךְ נִישְׁט אָן, מֶען מוּז אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען, נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער.

יֶעצְט צוּ דִי צְוֵויי שְׁאֵלוֹת; 'וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער נִישְׁט צוּ וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען עֶס גֶעשֶׁעט אַנְדֶערְשׁ וִוי מֶען ווִיל?' אוּן 'וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן?' - דִי עֵצָה אִיז, רֶעדְן פוּן דֶעם נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן נָאכְאַמָאל.

### שְׁאֵלָה ג'

**אַ לֶערֶערִין וָואס אִיז מְמוּנָה אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער נֵייעֶן פְרֶעגְט:** וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ קוּם לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער צוּ נֵייעֶן, הֵייבְּן קִינְדֶער אָן צוּ קְרֶעכְצְן: **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ"?**

### תְּשׁוּבָה:

בַּיי מִיר אִיז 'נֵייעֶן' פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט מֵיידְלֶעךְ, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִין דִי יְרוּשָׁלַיִמ'עֶר שׁוּלֶע הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ שְׁטְרִיקְן אוּן נֵייעֶן.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי זָאל קֶענֶען נֵייעֶן; ווַייל מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן צֶערִיסְן, מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט אַ לָאךְ אִין אַ קְלֵייד, אוּן גֶעווֶענְלִיךְ צֶערַייסְן זִיךְ יֶעדְן טָאג טֵייץ פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ, וָואס זָאל מֶען טוּן? מֶען זָאל עֶס אַוֶועק ווַארְפְן?! - מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט לֶעבְּן מִיט הֶפְקֵרוּת, מֶען קֶען נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַוֶועק ווַארְפְן זַאכְן, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעלְט טָאר אוֹיךְ נִישְׁט צֶערַייסְן זַיין גֶעלְט, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִידִישׁ גֶעלְט, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין יֶעדְן טָאג קוֹיפְן נֵייעֶ טֵייץ, אָבֶּער אַז מֶען קֶען נֵייעֶן - אִיז עֶס אַ קְלֵיינִיקֵייט, דִי מַאמֶע נֶעמְט אַ נָאדְל מִיט אַ פָאדֶעם, אוּן אִין אֵיין מִינוּט אִיז עֶס צוּגֶענֵייט אַ מְחַיֶה.

## הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת מִקֵּץ, שְׁנַת תשפ״ג

מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען צוּנֵייֶען זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער.

דֶערְפַאר, אוֹיבּ דִי לֶערֶערִין הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער, זָאל זִי פַארְלַאנְגֶען פוּן זֵיי דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען, זִי זָאל זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ נֵייֶען', דוּ מוּזְט עֶס יֶעצְט טוּן, נֶעם דִי נָאדְל, נֶעם דִי פָאדֶעם אוּן הֵייבּ אָן נֵייֶען".**

מֶען קֶען אָבֶער נִישְׁט נֶעמֶען נָאר אֵיין וֶועג, פוּן זַיין שְׁטְרֶענְג, נָאר קוֹדֶם זָאגְט מֶען: **"עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ נֵייֶען', דוּ מוּזְט עֶס יֶעצְט טוּן, נֶעם דִי נָאדְל, נֶעם דִי פָאדֶעם אוּן הֵייבּ אָן נֵייֶען"**, אוּן אוֹיבּ עֶס וֶוערְט שׁוֹין צוּ אָנְגֶעצוֹיגְן אִין כִּתָּה, מַאכְט מֶען צוּרִיק פְרֵיילִיךְ, מֶען זָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: **"דוּ קֶענְסְט יָא"**, וַוייל מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט מַאכְן עֶס זָאל זַיין נָאר אָנְגֶעצוֹיגְן אִין כִּתָּה.

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פִּינְקְטְלִיכֶע וֶוערְטֶער וָואס צוּ זָאגְן וַוייל אִיךְ בִּין דָאךְ נִישְׁט אִין כִּתָּה, אָבֶער אִיךְ קֶען זָאגְן וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן, אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, אָבֶער וֶוען עֶס וֶוערְט שׁוֹין צוּ אָנְגֶעצוֹיגְן וָואלְט אִיךְ גֶעמַאכְט זֵייעֶר לַאכֶעדִיג, גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן נָאכְדֶעם צוּרִיק שְׁטְרֶענְג.

'נֵייֶען' אִיז אַ לִימוּד וָואס מֶען מוּז טוּן, עֶס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף נִיצְן דָאס פַארְשְׁטַאנְד, וִוי לְמָשָׁל 'רֶעכֶענֶען' וָואס אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט יָא אוּן אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אֵיינֶעמְ'ס קָאפּ אִיז אַבִּיסְל שְׁטַייט אוּן זִי פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי רֶעכֶענֶען, אָבֶער נֵייֶען הָאט גָארְנִישְׁט מִיט דֶעם, נֶעם דִי נָאדְל אוּן פָאדֶעם אוּן הֵייבּ זִיךְ אָן רוּקְן, הֵייבּ אָן טוּן, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְד: **"דוּ קֶענְסְט יָא"**, אוּן אוֹיבּ אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן: **"אִיךְ וִויל נִישְׁט"**, זָאגְט מֶען אִיר: **"דָא אִין כִּתָּה טוּט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען וִויל, דָא אִין כִּתָּה טוּט מֶען וָואס דִי טִיטְשֶׁער זָאגְט, מֶען מוּז נִישְׁט וֶועלְן! אִין לֶעבְּן טוּט מֶען נִישְׁט וָואס מֶען וִויל, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג!"**

הַלְוַאי וְהַלְוַאי זָאלְן אַלֶע מַאמֶעס אַזוֹי מְחַנֵּךְ זַיין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַ קִינְד בַּאשְׁלִיסְט נִישְׁט וָואס מֶען זָאל טוּן, מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט אַ קִינְד: **"וָואס וִוילְסְטוּ? וִוילְסְט אַזוֹי? - זָאל זַיין אַזוֹי, דוּ וִוילְסְט עֶס נִישְׁט? - אִיז נִישְׁט"**... אֲפִילוּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה פְרֶעגְט מֶען נָאכְאַלְץ דִי מַאמֶע צִי מֶען קֶען דָאס קוֹיפְן אָדֶער נִישְׁט! מֶען גֵייט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן מִיט וָואס מֶען וִויל, אוּן מֶען עֶסְט נִישְׁט וָואס מֶען וִויל, אוּן מֶען טוּט נִישְׁט וָואס מֶען וִויל, מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג!

דָאס הֵייסְט אַ מְחַנֵּךְ, מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ טוּן וָואס עֶס אִיז רִיכְטִיג, אוּן נִישְׁט וָואס מֶען וִויל.

### שְׁאֵלָה ד':

**אַ לֶערֶערִין וָואס לֶערְנְט 'הֲלָכָה' מִיט קִינְדֶער פְרֶעגְט:** וָואס טוּט מֶען אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאגְן מִיר 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ לֶערְנֶען הֲלָכוֹת, אִיךְ פַארְגֶעס סֵיי וִוי וָואס מֶען לֶערְנְט'?

### תְּשׁוּבָה:

עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט מִיט מֵיידְלֶעךְ הֲלָכוֹת אַז זֵיי זָאלְן עֶס נִישְׁט פַארְגֶעסְן, דִי וֶועג אִיז מֶען זָאל עֶס לֶערְנֶען 'חַד וְחָלָק', קְלָאר אוּן שַׁארְף! נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען הֵייבְּט אָן פוּן דִי גְמָרָא בִּיז מֶען קוּמְט צוּ צוּ דִי הֲלָכָה, נָאר מֶען לֶערְנְט גְלַייךְ דֶעם קְלָארְן פְּסַק הֲלָכָה.

הִלְכוֹת בִּשּׁוּל דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקֶען פַארְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן, מֶען לֶערְנְט זֵיי דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ זוּפּ, דֶער שֶׁעפּ לֶעפְל, דִי לָאקְשְׁן, דִי בּוּנְדְלֶעךְ, אוּן פוּן דִי טְשָׁאלְנְט, מֶען לֶערְנְט עֶס אוֹיס חַד וְחָלָק, קְלָאר אוּן שַׁארְף, אוּן דִי קִינְדֶער שְׁרַייבְּן עֶס אַרָאפּ, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי קֶענֶען הִיטְן שַׁבָּת.

דָאס אִיז נָאךְ וִויכְטִיגֶער וִוי נֵייֶען; דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע לִימוּד פַאר מֵיידְלֶעךְ אִיז 'הֲלָכוֹת', הִלְכוֹת שַׁבָּת; הִלְכוֹת בִּשּׁוּל, הֲלָכוֹת פוּן קְלוֹיבְּן, הֲלָכוֹת פוּן מַאכְן אַ קְנִיפּ אוּן עֶפֶענֶען אַ קְנִיפּ.

אַסַאךְ מָאל זֶע אִיךְ שַׁבָּת וִוי מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין פַאר דִי בָּחוּרִים אַ זַאךְ אִין אַ בֶּעג, אוּן דִי בָּחוּרִים הֵייבְּן אָן צוּ עֶפֶענֶען דֶעם קְנִיפּ, אִיךְ זָאג זֵיי: **"מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת עֶפֶענֶען אַ קְנִיפּ, רַייס אוֹיף דִי בֶּעג!"** דִי בָּחוּרִים ווּאוּנְדֶערְן זִיךְ: **"וָואס הֵייסְט, מֶען מֶעג שַׁבָּת רַייסְן?! אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת רַייסְן?"** - אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט קִינְדֶער הִלְכוֹת שַׁבָּת קֶען מֶען נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת, מֶען וֵייסְט נִישְׁט אַז עֶפֶענֶען אַ קְנִיפּ אִיז שַׁבָּת אַן עֲבֵירָה, עֶס אִיז חִלּוּל שַׁבָּת, אוּן אוֹיפְרַייסְן אַ בֶּעג מֶעג מֶען יָא, אוֹיבּ מֶען רַייסְט נִישְׁט לוֹיט אַ מָאס, אוּן אוֹיךְ נָאר אוֹיבּ מֶען דַארְף עֶפֶּעס הָאבְּן, וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט סְתַּם אַזוֹי זִיךְ נֶעמֶען רַייסְן פַּאפִּיר, דֶערְפַאר, אוֹיבּ מֶען דַארְף עֶפֶענֶען שַׁבָּת אַ פֶּעקְל טֶעלֶערְס, דַארְף מֶען אוֹיפְרַייסְן דִי בֶּעג אוּן נִישְׁט עֶפֶענֶען דֶעם קְנִיפּ.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הִיט זִיךְ פוּן מַחֲלֹקֶת אוּן פוּן פַיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ פַיינְטְשַׁאפְט צוּ אַ צְוֵוייטְן אִיד - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן. נָאךְ זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ, וֶוען אֵיינֶער פַאלְט אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין דִי אִיסוּר פוּן עֶסְן נְבֵלוֹת וּטְרֵפוֹת, אוֹיבּ עֶסְט עֶר אַ כְּזַיִת חֲזִיר אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף דִי כְּזַיִת - אֵיין מָאל אַ לַאו, עֶסְט עֶר נָאךְ אַ כְּזַיִת - אִיז עֶר עוֹבֵר נָאךְ אֵיין לַאו, אָבֶער דֶער וָואס הָאט פַיינְטְשַׁאפְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן - אִיז עֶר עוֹבֵר יֶעדֶע רֶגַע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי לַאו פוּן "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ" (וַיִּקְרָא יט, יז).

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג - וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב - פוּן כַּעַס אוּן מַחֲלֹקֶת; עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט אַלֶע הֲכָנוֹת אוֹיבּ עֶס גֵייט צוּ מִיט כַּעַס אוּן מַחֲלֹקֶת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִין דִי טֶעג אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער. נֶעם זֵיי אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע הֲכָנוֹת, נֶעם זֵיי צוּם מַצָּה בֶּעקֶערַיי, נֶעם זֵיי מִיט אַיינְקוֹיפְן, רוּף זֵיי וֶוען דוּ מַאכְסְט דַיין קַאר וְכוּ'; זֵיי זָאלְן זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט גוּטֶע זַאכְן אוּן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן פְרֵיי אָן קַיין הַשְׁגָּחָה. קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, וִויפִיל מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין זֵיי אוּן וִויפִיל מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם, הֶער אוֹיף מִיט דַיינֶע דִמְיוֹנוֹת; קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִיר, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִיר; יֶעדֶער הָאט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, אַ שָׁאד צוּ דִמְיוֹנֶ'עֶן פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם. קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אוּן לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים אִין

מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה. דִי וָואךְ עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶכֶת נָזִיר בַּבְלִי, אוּן מַסֶכֶת דְמַאי פוּן יְרוּשַׁלְמִי; זַיי דוּ אוֹיךְ פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג. לֶערְן אָן פַארְשְׁטֵיין, לֶערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ פָארְן זוּנְטָאג נָאךְ פֶּסַח פַאר צְוֵויי טֶעג קַיין פוֹילְן אוֹיסְ'פוֹעלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ"ג)

## דִי גְרוֹיסֶע חֲשִׁיבוּת פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-פָּרָה, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ב אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי אַרְבֶּעט פַאר אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן צוּ רֵיינִיגְן אוֹיף פֶּסַח; כָאטְשִׁיג פוּן אֵיין זַייט אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח אָבֶּער וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אִין הִימְל זֶעט מֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דָא בְּזֶה הָעוֹלָם; יֶעדֶע רִיר, יֶעדֶע בֵּייג אוּן יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע אָטֶעם וָואס דִי פְרוֹיעֶן טוּעֶן לְכָבוֹד פֶּסַח. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל קְדוּשַּׁת לֵוִי - דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס מַאכְן פֶּסַח'דִיג; פוּן זֵייעֶר קְרַאצְן, רַייבְן אוּן כַּשֶׁרְ'ן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר. דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר זֶענְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער יֶעצְט פַאר פֶּסַח מִיט דִי גַאנְצֶע וִוירְטְשַׁאפְט וָואס לִיגְט אוֹיף אַייךְ, אָבֶּער פוּן הִימְל קוּקְט מֶען זִיךְ צוּ צוּ דִי אַרְבֶּעט וָואס דִי פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן אוּן בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְ'ן גָלוּת.

אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן סְטֵייפְלֶער גָאוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט אַז זִי מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט קִינְדֶער וְכוּ' וַוייל זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, הָאט דֶער סְטֵייפְלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִויפִיל כֹּחַ עֶר וֶועט הָאבְן אוּן וִויפִיל עֶר זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען וְכוּ', אוֹיבּ מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן קִינְדֶער וְכוּ' מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי פְּלָאג, דֶעמָאלְט קוּמְט אַנְדֶערֶע פְּלָאג"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן פֶּסַח'דִיג מַאכְן מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַרְבֶּעטְן, וַוייל עֶס קוּמְט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אֵייעֶר פְּלָאג, אַרְבֶּעט אוּן מִי גֵייט אַרַיין אִין מִצְוֹת אוּן אִין גוּטֶע זַאכְן. אִין אָנְגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב אוּן אִין זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט קִינְדֶער.

וֶוען עֶס אִיז אַייךְ גָאר בִּיטֶער זָאגְט אַרוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט אַ וָוארְט פוּן מוֹיל; זָאגְט: "טַאטֶע, גֶעבּ מִיר כֹּחַ", וֶועט אַייךְ גְלַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת מְצוֹרָע תשע"ט)

## נֶעם מִיט דִי קִינְדֶער צוּ דִי פֶּסַח הֲכָנוֹת, לָאז זֵיי נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער מִיט דִיר, לָאז זֵיי נִישְׁט אוֹיף הֶפְקֵר, נֶעם זֵיי מִיט דִיר בַּאקְן מַצּוֹת, שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָּנוּ אוּן אַנְדֶערֶע הֲכָנוֹת. עֶס אִיז וִויכְטִיג אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי פֶּסַח הֲכָנוֹת, זֵיי זָאלְן אַלֶעס מִיטְהַאלְטְן. דַיינֶע גֶעלְט זַאכְן וְכוּ' - דַארְפְן זֵיי נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט נֶעמֶען דִי קַאר פוּנֶעם דִילֶער - אִיז נִישְׁט וִויכְטִיג זֵיי זָאלְן מִיטְגֵיין, אָבֶּער בַּיי מִצְוֹת אוּן דִי הֲכָנוֹת פַאר מִצְוֹת - זָאלְסְטוּ זֵיי אַלְץ מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ גֵייסְט צוּם דַיין פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ - גֵיי מִיט דַיין זוּן, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָּנוּ - נֶעם מִיט דַיין זוּן, אוּן בַּיים בַּאקְן מַצּוֹת. אוֹיךְ בַּיים פֶּסַח מַאכְן שְׁפַּאן-אָן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי הֲכָנוֹת פַאר מִצְוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט גֶעזֶען אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וִוי עֶר גֵייט יֶעדְן טָאג מִיט זַיין זוּן בַּיים אָרוֹן קוֹדֶשׁ אוּן שְׁטֵייט דָארְט אַפָּאר מִינוּט, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טוּסְטוּ דָא?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיין קִינְד צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן". (וִוי עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אִיז דִי מַעֲשֶׂה גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אַלֵיינְס).

בְּנוֹגֵעַ אַוֶועקְפָּארְן; פֶּסַח אִיז אַ יוֹם טוֹב וָואס מֶען אִיז אִין שְׁטוּבּ, מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, מֶען גֵייט נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם. פֶּסַח אִיז מֶען אָדֶער בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אָדֶער בַּיי דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ יָאג זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ דַארְף הֶעלְפְן מִיט דִי הֲכָנוֹת אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ"ג)

## מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד צוּ כַּשֶׁרְ'ן דַיקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ ווִילְן מִיר שׁוֹין כַּשֶׁרְ'ן, מִיר ווִילְן שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן קָאכְן פַאר יוֹם טוֹב, דָאךְ וֶועלְן מִיר וַוארְטְן צוּ כַּשֶׁרְ'ן בִּיז דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר. מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד צוּ כַּשֶׁרְ'ן דַיקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן זֶען וִוי מֶען גִיסְט דִי הֵייסֶע בְּרִיעֶדִיגֶע וַואסֶער, וִוי עֶס טוּט זִיךְ אוּן וִוי עֶס גִיסְט זִיךְ... זֵיי זָאלְן זֶען וִוי אַזוֹי מֶען גְרֵייט אָן אַ יוֹם טוֹב, וִוי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם פֶּסַח.

חִינוּךְ אִיז פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וָואס קִינְדֶער זֶעעֶן אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן - דָאס בְּלַייבְּט זֵיי, מִיט דֶעם וַואקְסְן זֵיי אוֹיף. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי מִיר אִיז חִינוּךְ אַזַא גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה - אַזוֹי וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת"; רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אוֹיפְבְּלַייבְּן צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט לֵייגְן שְׁלָאפְן פְּרִי

צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת.

זַיי בּוֹדֵק-חָמֵץ דַיין טֶעלֶעפָאן; מֶען דַארְף דָאס כַּשְׁרְ'ן, עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין עֲבֵירוֹת אִין דֶעם.

אַ כָּשֵׁרְ'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ"ב)

## אַרַיינְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער בַּיים טוּן מִצְוֹת; הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

הַיינְט נַאכְט אִיז מֶען בּוֹדֵק חָמֵץ. עַל פִּי הֲלָכָה טָאר מֶען גָארְנִישְׁט טוּן פוּן וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט; מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַאר מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ. זָאלְסְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּב כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין, בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט קִינְדֶער דַארְפְסְטוּ אַהֵיים גֵיין בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין מִיט זֵיי, זֵיי זָאלְן זֶען וִוי אַזוֹי דוּ בִּיסְט בּוֹדֵק חָמֵץ.

בִּכְלַל זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען נֶעמְט זֵיי אַרַיין אִין דֶעם, זֵיי הַאלְטְן מִיט דִי הֲכָנוֹת אוּן צוּגְרֵייטוּנְגֶען צוּ דִי מִצְוָה, גֵייט זֵיי אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ טוּן אַלֶע מִצְוֹת. טְרַאכְט נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט צַייט זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער, נָאר יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג, וֶוען זֵיי ווִילְן נָאךְ מִיט הַאלְטְן - אִיז דִי צַייט זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין.

אַז דוּ גֵייסְט פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ בַּיים דַיין זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם דַיָּין וֶועם דוּ נִיצְט אַ גַאנְץ יָאר אוּן פַארְגֶעס נִישְׁט אִים צוּ גֶעבְן עֶפֶּעס לְכָבוֹד יוֹם טוֹב; מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט אַז אַ דַיָּין אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְץ יָאר שֶׁלֹּא עַל מְנַת לְקַבֵּל פְּרַס. עֶר וֶוערְט גֶעשְׁטֶערְט אִין אַלֶע זַיינֶע צַייטְן וְכוּ'; יֶעדֶער טְרַאכְט: 'אִיךְ הָאבּ אַ וִויכְטִיגֶע שְׁאֵלָה, אִיךְ מוּז שְׁטֶערְן דֶעם דַיָּין אִינְמִיטְן עֶסְן, אִיךְ מוּז אוֹיפְוֶועקְן דֶעם דַיָּין אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן וְכוּ' וְכוּ'', אַלֶע ווִילְן נָאר אֵיין מִינוּט. אִיךְ גֶעדֶענְק אַלְץ קִינְד בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א פְלֶעגְט מֶען קוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג צוּ אִים פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת; עֶר פְלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְן עֶסְן נַאכְטְמָאל, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט הָאט מֶען גֶעקְלַאפְּט אִין טִיר: "דֶער דַיָּין אִיז דָא?" מַיין טַאטֶע אִיז אַרוֹיס רֶעדְן מִיט יֶענֶעם, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן נָאכְאַמָאל עֶסְן קְלַאפְּט נָאךְ אֵיינֶער: "דֶער דַיָּין אִיז דָא?" אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי יֶעדֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, שְׁטֶענְדִיג זֶענֶען מֶענְטְשְׁן גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת. אוֹיבּ הָאט מֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער דַיָּין קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען, הָאט יֶענֶער זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "עֶס אִיז אַ וִויכְטִיגֶע שְׁאֵלָה, אַ פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ שְׁאֵלָה", וֶוען דֶער דַיָּין הֶערְט דָאס קֶען עֶר נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, גֵייט עֶר נָאכְאַמָאל אַרוֹיס רֶעדְן. דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוּן אַרוֹיס וַוייזְן הַכָּרַת הַטּוֹב.

אוֹיךְ וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער צוּ דַיין וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען, דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה. אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִינֶעם מוֹסָד: "וֶוען עֶלְטֶערְן זֶענֶען עֶנְק מְבַזֶה, זָאל עֶס עֶנְק נִישְׁט וֵויי טוּן וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, אוּן וֶוען מֶען בַּאדַאנְקְט עֶנְק הָאט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט מִיט עֶנְק, וַוייל דָאס וַוייזְט אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען וואוֹילֶע זִיסֶע מֶענְטְשְׁן"; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לֶעבְן מִיט הַכָּרַת הַטּוֹב וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן גוּטְס.

הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה וָואס אִיז דָא; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַכִּיר טוֹבָה פַאר אֵיינֶער וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין וֶועג אִים צוּ הֶעלְפְן אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ פַארְקוֹיפְן דַיין חָמֵץ בַּיי דֶעם דַיָּין וָואס פַּסְקְ'נְט דִיר אַ גַאנְץ יָאר דַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן אִים גֶעבְן עֶפֶּעס לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים אוּן פוּן אִים מִיט דֶעם פוּלְסְטְן דֶרֶךְ אֶרֶץ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): רָבָא זָאגְט: "דְּרָחִים רַבָּנָן הֲוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן הֲוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן", אוּן וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן אֵיידֶעמֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וַוייל אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן עֶר רֶעדְט שֵׁיין פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן דִי טֶעכְטֶער וֶועלְן אוֹיךְ וֶועלְן מֶענֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אָבֶער אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַלֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וָואס קֶען מֶען נָאךְ עֶרְוַוארְטְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן...

נֶעם מִיט דַיין בָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר וֶוען דוּ גֵייסְט פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ; זָאל עֶר זֶען וִוי מֶען בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ אוּן מֶען פְרֶעגְט דֶעם דַיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועט עֶר אוֹיךְ גֵיין נָאךְ דִי חֲתוּנָה פְרֶעגְן זַיינֶע שְׁאֵלוֹת וְכוּ'. אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן מַיין טַאטֶע הָאט מִיר מִיט גֶענוּמֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן זַיינֶע שְׁאֵלוֹת דֶעם דֶעבְּרֶעצִינֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַזוֹי אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן אִין זִכָּרוֹן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן פוּן אַלְץ קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשע"ט)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876